# פקודי ג

א. נאכדעם ווי די תורה דערציילט בפרטיות וועגן הקמת המשכן [1], און דערנאך וועגן דער השראת השכינה אין משכן — „ויכס הענן את אהל מועד וכבוד ה׳ מלא את המשכן״ [2], און אז די השראה איז געווען אזויפיל, אז — „ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן וכבוד ה׳ מלא את המשכן״ [3], דערציילט די תורה [4]: „ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם. ואם לא יעלה הענן ולא יסעו עד יום העלותו״.

דארף מען פארשטיין: לכאורה געהערן אט די צוויי פסוקים דארט וואו עס רעדט זיך וועגן דעם סדר המסעות פון אידן אין מדבר — און וואו דאס ווערט טאקע איבערגע׳חזר׳ט (און מיט אן אריכות) — אין פ׳ בהעלותך [5]; וואס איז די שייכות צווישן דעם סדר המסעות (אז דוקא „בהעלות הענן גו׳ יסעו גו׳ ואם לא יעלה גו׳ ולא יסעו גו׳״) מיטן תוכן הפרשה דא, וואס עס רעדט זיך גאר וועגן דער השראת השכינה אין משכן?

דער ספורנו [6] איז מבאר, אז דאס גופא וואס „ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו גו׳״ איז א באוויז, א הוראה אויף וויפל די השראת השכינה איז געווען בקביעות אין משכן, ביז אין אן אופן „שלא הי׳ מסתלק כלל משם עד שהיו ישראל צריכים לנסוע״.

אבער דער ביאור איז לכאורה ניט גלאט, ווייל פון לשון הפסוק איז קענטיק, אז ער קומט דערציילן דעם סדר המסעות, ובלשון המדרש [7]: „זה סיפור המסעות״. איז ניט מובן כנ״ל: וואס פאר א שייכות האט „סיפור המסעות״ — וואס מקומו (בארוכה) איז אין פ׳ בהעלותך — מיטן סיפור פון הקמת המשכן און השראת השכינה אין אים?

די קשיא איז נאך שטארקער לויט דעם וואס חז״ל [8] זאגן, אז דער אנהויב פון ספר ויקרא, „ויקרא אל משה״, איז א המשך צו דעם וואס שטייט דא (פאר דעם פסוק „ובהעלות הענן גו׳״) „ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד גו׳״ — אז משה האט ניט געקענט אריינגיין אין אהל מועד, ביז — „ויקרא אל משה״, וואס די קריאה האט אויפגעטאן אז ער זאל אריינגיין אין אהל מועד.

קומט אויס, אז אין דעם המשך הכתובים „ולא יכול משה גו׳״ „ויקרא אל משה״, איז די תורה מפסיק מיט א זייטיקן ענין — סיפור המסעות — וואס האט לכאורה קיין שייכות ניט צום ענין המשכן.

ב. אלע ענינים פון תורה זיינען בדיוק. איז ווי באלד דער מדרש זאגט אז „ויקרא אל משה״ (דער אנהויב פון ספר ויקרא) איז א המשך צו (דעם סוף פון

1) פרשתנו מ, יז ואילך.
2) שם, לד.
3) שם, לה.
4) שם, לו־לז.
5) ט, טו ואילך.
6) סוף פרשתנו.
7) לקח טוב עה״פ.
8) תנחומא ר״פ ויקרא (א׳ וח׳). זהר שם (ג, ב). לקח טוב שם. תנחומא בהעלותך ו. ועוד.

אונזער פרשה) „ולא יכול משה גו'" — איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שייכות איז אויך אין דעם תוכן פון די ביידע פרשיות (פון וועלכע די פסוקים זיינען אַ טייל).

ד. ה. ספר ויקרא וואָס ענינו איז ספר הקרבנות [9], קומט בהמשך — ניט נאָר צום סיפור פון בנין והקמת המשכן (דער מקום וואו מען ברענגט די קרבנות), נאָר אויך — צו די פרטים אין דעם אופן פון דער השראת השכינה אין משכן, וואָס ווערט דערציילט אין דער פרשה, ובפרט אַז דאָס קומט בסופה.

וי"ל אַז דאָס איז אויך דער טעם וואָס נאָך „ולא יכול משה גו'" איז דער פסוק מפסיק און דערציילט וועגן די „מסעות" פון די אידן ווי זיי זיינען פאַרבונדן מיט „ובהעלות הענן מעל המשכן גו'" — סילוק השכינה פון משכן — ווייל תוכן הענין פון קרבנות איז פאַרבונדן (נאָך מער ווי מיט דער השראת השכינה אין משכן) דוקא מיט דעם וואָס צוליב די מסעות פון אידן („בכל מסעיהם") פאָדערט זיך (אין צווישען) אַן ענין פון סילוק השכינה (כדלקמן סעיף ח').

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים לבאר די שייכות פון סיום ספר שמות צו זיין התחלה (און ווי דער כלל [10]: נעוץ סופן בתחלתן ותחלתן בסופן) — וואָס די שייכות דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וואָס די נעמען פון דער ערשטער און לעצטער סדרה פון דעם ספר, ווייזן אויפן ענין פון „מנין":

„שמות" — ווי רש"י איז מפרש [11]: „אע"פ שמנאן כו' חזר ומנאן כו' להודיע חיבתן שנמשלו לכוכבים כו'"; „פקודי" — דער מנין פון „משקלי נדבות המשכן כו' כל כליו לכל עבודתו" [12].

דער תוכן פון ספר שמות איז דאָך — גאולתן של ישראל [13] ממצרים. דאַרף לפ"ז אויסקומען, אַז דער ענין פון „גאולה" איז פאַרבונדן מיטן ענין פון „מנין" (וואָס בינדט די התחלה [14] מיטן סוף [15] פון דעם ספר) — איז ניט מובן: „מנין" און „גאולה" זיינען לכאורה גאָר ענינים הפכיים: ווען מ'ציילט זאַכן, איז דאָס גופא אַ באַווייז אַז די זאַכן זיינען מוגבל (אין דעם סכום פון דעם מנין) און דער „מנין" איז דאָס מדגיש; דאַקעגן „גאולה" (אמיתית) ווייזט אויף אַ מצב פון אַרויסגיין פון מצרים גלות והגבלות [16]?

אָט דעם דבר והיפוכו געפינט מען אויך אין דער התחלה פון דעם ספר גופא: דער נאָמען פון דער סדרה (וואָס איז מרמז אויפן תוכן פון דער גאַנצער סדרה) איז „שמות", וואָס באַציט זיך נאָר צום מוגבל'דיקן מנין פון די „בני ישראל הבאים מצרימה" [17] — און גלייך דערנאָך דערציילט דער פסוק [18] „ובנ"י פרו

9) ראה רמב"ן בפתיחה לספר ויקרא.

10) ספר יצירה פ"א מ"ז.

11) ר"פ שמות.

12) לשון רש"י ריש פרשתנו. וראה רשב"ם, רמב"ן ועוד.

13) בלשון הרמב"ן (סוף פרשתנו) „ספר הגאולה". ובב"ר (פ"ג, ה) „שבו יצאו ישראל מאפילה לאורה". ולהעיר, דשמות השבטים שנכללים בשם הספר — „שמות" — „ע"ש גאולת ישראל נזכרו כאן" (שמו"ר פ"א, ה).

14) שהרי ההתחלה ו„ראש" של כל דבר כולל את כולו.

15) דהכל הולך אחר החיתום (ברכות יב, א).

16) להעיר מתו"א (עא, ג ואילך) דיציאת מצרים ענינה היציאה מהמצרים וגבולים של כל סדר ההשתלשלות.

17) ועכ"פ לא יותר משבעים נפש, כמו שממשיך שם בפסוק ה'.

18) שם פסוק ז'.

וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד גו׳״, וואָס ווייזט אויף אַ ריבוי וואָס גייט אַרויס לגמרי פון גדר הרגיל. און ווי־באַלד אַז אויך דאָס איז אַ טייל פון פ׳ שמות, קומט אויס, אַז אויך דער „פרו וישרצו גו׳ במאד מאד״ איז אַ טייל פון תוכן ענין ה„מנין״:

און עד״ז געפינט מען אין דעם סיום הספר: „פקודי (המשכן)״ ווייזט כנ״ל אויף ציילען והגבלה (ווי די כלי המשכן כו׳ זיינען אַלץ במספר והגבלה) — אָבער אינעם סיום פון פ׳ פקודי רעדט זיך אַז „לא יכול גו׳ כי שכן גו׳״, ווי די השראת השכינה אין משכן איז געווען ניט באַגרענעצט („ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד גו׳״ די השראה אין משכן איז געווען העכער אפילו פון יכולת משה, דער „נבחר מכל מין האדם״[19]).

ד. די כללות׳דיקע הסברה אין דעם: הגם אַז דער תכלית איז אַז מ׳זאָל צו־קומען צו „בלי גבול״ — גאולה — וואָס איז העכער פון דער מדידה והגבלה פון וועלט, איז אָבער ניט די כוונה אַז דורך דעם („בלי גבול״) זאָל ווערן אויס גבול, נאָר עס דאַרף זיין דער חיבור פון בלי גבול און גבול[20].

[ווי מ׳געפינט עס בנוגע צום מנין פון בנ״י — כמש״נ[21] „והי׳ מספר בנ״י כחול הים אשר לא ימד ולא יספר״, דער „מספר״ וועט זיין „לא ימד ולא יספר״:

און אַזוי אויך בנוגע צום משכן — די השראה וואָס איז למעלה ממדידה והגבלה איז געווען אין (די כלי ה)משכן, וואָס איז במנין ומדידה כנ״ל].

וואָרום וויבאַלד אַז די כוונה העליונה איז „נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״[22], דאַרפן זיך אויפטאָן צוויי ענינים: (א) עס דאַרף ווערן אַ דירה לו ית׳ — צו עצמותו ית׳[23] (וואָס איז אינ־גאַנצן העכער פון וועלט), (ב) די „דירה״ דאַרף זיין „בתחתונים״ — אין „עוה״ז הגשמי כו׳ שאין תחתון למטה ממנו״[24] (במדה וגבול דוקא).

ה. די צוויי ענינים הנ״ל — (א) די „דירה״, לעצמותו ית׳, (ב) אַז די דירה לו ית׳ איז „בתחתונים״ — דריקן זיך אויס בכללות אינעם חילוק צווישן נשמות ישראל און „וועלט״:

דער (פנימיות ה)ענין פון דער דירה לו ית׳ איז „דוקא לדור ולשכון בנש״י כו׳ שיהיו כנס״י מכון לשבתו ית׳ כו׳״[25] — וואָרום וויבאַלד אַז „ישראל וקוב״ה כולא חד״[26], זיינען דאָך אידן די אמת׳ע „דירה״ פאַר עצמותו ית׳ — זיי זיינען כביכול איין זאַך מיט עצמות[27],

---

19) פיה״מ להרמב״ם סנהדרין פ׳ חלק היסוד הז׳.

20) כי דוקא בזה בא לידי גילוי כח העצמות, נמנע הנמנעות, שביכלתו לחבר בל״ג וגבול (ראה בכ״ז לקו״ש ח״ג ע׳ 904 ואילך).

ולכן שם הסדרה הוא ע״ש המנין דוקא („שמות״ ו„פקודי״) — כי דוקא בגבול „לוקחים״ עצמותו ית׳ (ראה בארוכה לקו״ש שם ע׳ 905, שלכן עבודת התפלה צ״ל קשורה דוקא עם מקום המקדש כו׳, עיי״ש).

21) הושע ב, א. לקו״ת במדבר ד״ה זה וביאורו (ו, א ואילך. ז, ג ואילך). ועוד. וראה בארוכה לקו״ש ח״ט (ע׳ 24; 26 ואילך).

22) תניא רפל״ו. ע״פ תנחומא נשא טז. ועוד.

23) אוה״ת בלק ריש ע׳ תתקצז. המשך תרס״ו בתחילתו (ס״ע ג׳). ובכ״מ.

24) תניא שם.

25) המשך תרס״ו ס״ע תסח. וראה תו״א משפטים עו, ד. אוה״ת שם ע׳ א׳רסז. סה״מ תר״ל ע׳ סד. סה״מ עת״ר ריש ע׳ קצט ואילך.

26) ראה זח״ג עג, א. וראה שם צג, ריש ע״ב. וראה גם דחז״ל עה״פ (שה״ש ה, ב) תמתי, תאומתי. ובלקו״ת שה״ש (לד, ד. לט, א).

27) ראה בארוכה לקו״ש ח״ה (ע׳ 246) — שמטעם זה נש״י יכולים לקבל גם ה„נח״ר דהבורא״ שלמעלה באין ערוך מנבראים, עיי״ש.

[משא״כ די „דירה בתחתונים״ בנוגע צו וועלט [28], איז (בלויז) דאָס וואָס עס וועט דערהערט אין וועלט אַז איר גאַנצע מציאות איז נאָר מצד העצמות און „מבלעדו אין שום מציאות כלל וכלל״ [29]]:

נאָר די „דירה״ ווערט אויפגעטאָן „בתחתונים״ דוקא — אין דער עבודה פון אידן אין עוה״ז התחתון, צו מאַכן פון די דברים גשמיים אַ כלי לאלקות — ווייל דוקא דורך דעם קומט אַרויס בגילוי דער שורש פון נשמות ישראל [30] (ווי זיי זיינען מיוחד מיט עצמותו ית׳).

בסגנון אחר: ווען ווערט אויפגעטאָן בגלוי אַז אידן זיינען אַ דירה לו ית׳ — אַז זיי זיינען מיוחד מיט עצמותו ית׳ בתכלית, אָן שום הגבלה ועיכוב — איז עס דוקא ווען אויך די הגבלה ומדידה פון די „תחתונים״ איז ניט קיין מניעה, נאָר אדרבה, די תחתונים אַליין ווערן דורך די אידן אַ מקום מוכשר פאַר אַ דירה לו ית׳ [31].

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס דער „תחלה״ פון ספר שמות איז וועגן דעם מנין פון בני ישראל, און „סופו״ — וועגן מנין כלי המשכן:

אין ספר בראשית רעדט זיך וועגן דער בריאה אַליין [32], ווי זי איז געוועזן איידער אין איר איז אַנטפּלעקט געוואָרן איר כוונה [33] — „בשביל התורה ובשביל ישראל״ [34];

אין ספר שמות רעדט זיך שוין אָבער וועגן ישראל (ווי זיי זיינען „נולד״ [35] געוואָרן אַלס עם ישראל) און תורה, וואָס דורך זיי ווערט אויסגעפירט כוונת הבריאה. — און אין דעם (דאָס וואָס אידן פירן דורך כוונת הבריאה) איז פאַראַן אַ „תחלה״ ו„סוף״:

די „תחילה״ (עיקר ופנימיות) פון דער כוונה איז — בני ישראל ווי זיי זיינען מיוחד מיט עצמותו ית׳, וואָס דאָס איז דער ענין פון מנין בני ישראל אין פ׳ שמות: „להודיע חיבתן כו׳״ (און דער־פאַר איז דער מנין דורך דעם אויבערשטן אַליין — דער אויבערשטער ציילט זיי און אין תורה);

דער „סופו״ — ד. ה. ווי אַט די כוונה ווערט דורכגעפירט בפועל — איז דורך מאַכן אַ משכן לו ית׳ פון דברים גשמיים [36].

---

28) וראה לקו״ש (שם. ועד״ז ח״ו ע׳ 236 (ובהערה 13). ועוד) שלכן העולם הוא רק אמצעי שע״י נשלמת כוונת הבריאה, אבל לא שהכוונה היא בו גופא, עיי״ש.

29) ד״ה ולקחתם תרס״א. וראה בכ״ז לקו״ש ח״ב ע׳ 75 שוה״ג להערה 30.

30) ראה בארוכה המשך תרס״ו ע׳ תצב ואילך. ובכ״מ. וראה לקו״ש שם ע׳ 74 ואילך, וש״נ.

31) שלכן זה שהדירה בתחתונים דוקא אינו ענין נוסף בה — שהרי מכיון שהכוונה דדירה בתחתונים היא בעצמותו ית׳ אין שייך לומר שהיא מורכבת ח״ו מב׳ ענינים (ראה גם לקו״ש ח״ה ע׳ 245 הערה 36) — כ״א שזה נוגע לענין ה„דירה״ גופא.

32) בלשון המדרש (ב״ר פ״ג, ה) „שבו נתעסק הקב״ה וברא את עולמו״.

33) אלא שמ״מ גם זה חלק מתורה — כי כדי שתושלם הכוונה דדירה בתחתונים הוא ע״י זה גופא שבתחלה כוונת הבריאה היא בהעלם בה, ונש״י ע״י עבודתם עושים העולם דירה לו ית׳.

34) אותיות דר״ע ב׳. פרש״י ר״פ בראשית. ועוד.

35) ראה יחזקאל טז ובמפרשים שם.

36) בסגנון אחר: בדירה בתחתונים — ב׳ ענינים: „פנימיות״ הדירה — שהיא בנש״י דוקא, שמציאותם גופא היא כביכול העצמות; „חיצונית״ הדירה — העולם, מה שהעולם נעשה מקום מוכשר לגילוי העצמות [אלא שמ״מ אי״ז הרכבה ח״ו מב׳ ענינים, כנ״ל הערה 31. ואכ״מ].

ז. וויבאַלד אַז דער שורש פון נשמות ישראל (ווי זיי זיינען איין זאַך מיט עצמותו ית׳) קומט אַרויס בגילוי דוקא אין דער עבודה „בתחתונים״ — אין אַן אָרט פון העלם והסתר — איז דערפון מובן, אַז דאָס פירט זיך אויס בעיקר [נאָך מער ווי דורך דער עבודה פון בויען דעם משכן — אַן אָרט פון גילוי אלקות] דורך דער עבודה מיט אַ „תחתון״ וואָס מצ״ע איז ער ניט קיין כלי לאלקות, ובכללות יותר — אין דער עבודה אין זמן הגלות ווען אלקות איז ניט מאיר בגילוי אין וועלט.

און דאָס איז די הסברה וואָס ביים סיום הסיפור וועגן מלאכת המשכן און השראת השכינה אין משכן, ווערט דער־ציילט אין פסוק וועגן „סיפור המסעות״ וואָס איז פאַרבונדן מיט „ובהעלות הענן גו׳״:

דער תכלית פון משכן (צו מאַכן פון תחתונים אַ דירה לו ית׳) פירט זיך אויס בעיקר דורך דעם וואָס (דער משכן גיט אַ כח, אַז אַזוי זאָל זיין אויך) „בכל מסעיהם״

— ווי דער אַלטער רבי [37] איז מבאר, אַז די מסעות אין מדבר זיינען מרמז (אויך) אויף דעם בירור פון „מדבר העמים״ [38] במשך זמן הגלות —

וואָס דאַרטן איז שכינתא בגלותא, ניטאָ דער גילוי פון שכינה [„ובהעלות הענן גו׳״ — סילוק השכינה], זיינען אידן מברר ומהפך דעם העלם העולם אַז אויך דאַרטן זאָל מאיר זיין אלקות.

ח. דער ענין הנ״ל (אַז דער תכלית פון דעם משכן פירט זיך אויס בעיקר דורך דער עבודה אין דעם חוץ פון משכן) דריקט זיך אויך אויס אין דעם ענין המשכן גופא — אין דעם וואָס דער עיקר העבודה פון משכן איז עבודת הקרבנות [39]:

דער חילוק צווישן דעם עצם המשכן און עבודת הקרבנות: ביים בנין המשכן איז דער תכלית [ניט אַזוי אין מעלה זיין די דברים גשמיים פון וועלכע מ׳האָט געמאַכט דעם משכן, נאָר בעיקר] אין מאַכן אַן אָרט למטה וואו עס זאָל זיין די השראת השכינה מלמעלה (וואָס די השראה איז דאָך באין ערוך העכער פון די דברים גשמיים);

משא״כ עבודת הקרבנות איז ענינה [40] — צו מברר און מעלה זיין די בהמה וכו׳ גשמית און מאַכן דערפון אַ קרבן לה׳, קדושה.

און דערפאַר, כאָטש אַז די עבודת הקרבנות (די המשכת הקדושה עי״ז) איז אַ הכנה אויף צו קומען צו העכער — צו דער השראה וואָס איז אין משכן (אין ארון כו׳)

[וואָס דערפאַר איז דער אל״ף פון „ויקרא״ אַן אל״ף זעירא, וואָס ווייזט אויף צמצום [41] — ווייל אין עבודת הקרבנות, וואָס דאָס איז דער תוכן פון

---

37) לקו״ת דרושי אלה מסעי. וראה הנסמן בהערה הבאה.

38) יחזקאל כ, לה. וראה בחיי, אוה״ת ועוד ר״פ מסעי. לקו״ת ר״פ נשא. ובכ״מ.

39) ראה רמב״ם ריש הל׳ ביהב״ח: בית לה׳ מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות כו׳ (ועד״ז כתב בסהמ״צ מ״ע כ׳. שם שורש יב). וראה בארוכה לקו״ש ח״ד (ע׳ 1346 הערה 24) דמ״ש הרמב״ן (ר״פ תרומה) הוא בעיקר בענין וחפץ אשר במשכן עצמו, ולא בענין המצות שנצטוו בנ״י לעשות בביה״ב (עבודת האדם). **וראה גם בארוכה לעיל ע׳ 438 ואילך.**

40) ראה בארוכה ד״ה והוא עומד תרס״ג (קה״ת תשי״ג. ובסה״מ תרס״ג). ובכ״מ.

41) לקו״ת ר״פ ויקרא (א, סע״ב).

ספר ויקרא, ספר) הקרבנות איז דער אור הקדושה וואָס ווערט נמשך (ויקרא — מלשון קריאה והמשכה[42]) אַ קלענערער ווי דער עצם ההשראה וואָס איז אין משכן[43]]

פונדעסטוועגן, דוקא דורך דעם קומט מען צו צו נאָך אַ העכערן מכוון פון משכן[44] — פון מאַכן דברים תחתונים גשמיים גופא אַ כלי לאלקות.

און דערמיט איז פאַרשטאַנדיק ווי „ויקרא אל משה" (און ספר הקרבנות בכלל) איז אַ המשך (אויך) צו „ובהעלות הענן גו'" (כנ"ל סעיף ב') — ווייל אין ביידע איז מודגש די זעלבע נקודה, אַז דער מכוון פון משכן פירט זיך אויך אויס ואדרבא — נאָך מער דורך דער עבודה במקום וואו ס'איז ניטאָ די השראת השכינה שבמשכן.

ט. הגם אַז אין דער עבודה בשעת דעם ויסעו פעלט אין גילוי השכינה — איז אָבער דוקא דורך דעם[45] קומט אַרויס בגילוי דער שורש פון אידן ווי זיי זיינען מיוחד מיט עצמותו ית' כנ"ל בארוכה.

און דאָס איז דער פירוש הפנימי אין „ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם": בחיצוניות זעט עס טאַקע אויס ווי אַן ענין פון סילוק השכינה, בפנימיות אָבער איז, אַז דורך דער עבודה נעמט מען העכער פון דעם ענן המשכן, און מען איז עס ממשיך אין דעם משכן בהחני' שלאחרי זה — „מסעיהם" במקום אשר יחנו שם[46] —

און דאָס איז די הוראה לכל אחד ואחת בעבודתו: ניט קוקנדיק אויפן חושך הגלות, ובפרט אַז ידע איניש בנפשי' — זיין מעמד ומצב פרטי, דער גלות פרטי וואָס איז ביי אים פאַראַן, דאַרף מען וויסן, אַז דורך דעם וואָס אַ איד פירט דורך שליחותו ית' „בכל מסעיהם", אין וואָס פאַר אַ מסע עס זאָל נאָר זיין,

איז אויב נאָר זיין „מסע" איז פאַר־בונדן מיטן ענן ה' (דוקא „ובהעלות הענן גו' ואם לא יעלה גו' ולא יסעו גו'") — ער וויס אַז „מהוי' מצעדי גבר כוננו"[47], אומעטום וואו ער גייט און אין וואָס פאַר אַ מצב ער זאָל זיך ניט געפינען, איז ער פאַרבונדן מיט אַ שליחות פון אויבערשטן לעשות לו ית' דירה בתחתונים, ובמילא איז זיין מסע אין גלות לויטן רצון העליון,

ווערט ביי אים „ובהעלות הענן גו'" למעליותא — ער נעמט העכער פאַרן ענן (כאָטש אַז אויך דער גילוי פון דעם ענן איז העכער אפילו פון יכולת פון בחי' משרע"ה וואָס איז דא בנפשו[48], כנ"ל) און איז דאָס ממשיך בהחני' שלאחרי' — ביז אַז „ישראל וקוב"ה כולא חד".

(משיחות ש"פ פקודי תשכ"ד, תשכ"ז)

42) לקו"ת שם (רפ"ב). וראה תניא ספל"ז.

43) ראה לקו"ת שם (סע"ב) „ונמשך לו הארה שעי"ז יוכל אח"כ לבוא אל אוהל מועד כו'".

44) אלא שמ"מ, מכיון שגם עבודת הקרבנות היא במשכן (ומקדש) עצמו — הענין דדירה בתחתונים נעשה עוד יותר ע"י „סיפור המסעות". וי"ל שזהו הטעם ש„סיפור המסעות" בארוכה הוא רק בספר במדבר (שלאחרי ספר ויקרא) — ד„במדבר" מורה על בירור „מדבר העמים".

45) וע"ד מש"כ בתניא חינוך קטן בסופו: וצריך לילך ממדריגה למדריגה כו' ובין מדריגה למדריגה טרם שיגיע למדריגה עליונה ממנה הוא בבחי' נפילה ממדר' הראשונ' — ואולי הוא אותו הענין המדובר בפנים (וראה בהערות לחנוך קטן לר"ה מפאריטש (בסוף פלח הרמון לבראשית (הוצאת קה"ת)) טעם הא' לנפילה זו).

46) פרש"י מ, לח.

47) תהלים לז, כג. וראה היום יום ע' סט. קד.

48) ראה תניא רפמ"ב.

# פ׳ החודש

א. מ׳האָט שוין פיל מאָל גערעדט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס „ימי החודש״ און „ימי השבוע״ ווערן גע־רעכנט לויט צוויי באַזונדערע חשבו־נות, וואָס זיינען אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן

— און לפי זה: ווען אַ יו״ט וואָס ווערט באַשטימט לויטן חשבון פון די ימי החודש (ווי פסח, לדוגמא, וואָס איז אַלעמאָל בט״ו בניסן) פאַלט אויס ביום השבת, דאַרף אויסקומען לכאורה, אַז די צוויי קדושות אין זעלבן טאָג — די קדושת שבת (מצד דעם סדר פון ימי השבוע) און קדושת יו״ט (מצד די ימי החודש) — זיינען צוויי באַזונדערע ענינים, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צווישן זיך —

וויבאַלד אָבער אַז יעדע זאַך (אין וועלט, ועאכו״כ) אין תורה, איז בהשגחה פרטית ובדיוק, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס גופא וואָס דער טאָג אין חודש פאַלט אויס אין דעם טאָג פון וואָך, איז אַ באַווייז אַז עס איז דאָ (אָדער נאָכ־מער, אַז דאָס טוט אויף) אַ שייכות צווישן זיי.

[וכידוע די ראי׳ אויף דעם פון ש״ס: די גמרא זאָגט אין זבחים[1] „ראש חודש למוספין דידי׳ אהני, למוספי שבת לא אהני (בתמי׳)״ — אַז די (קרבנות) מוספין פון שבת וואָס מ׳ברענגט בר״ח שחל בשבת האָבן אין זיך אויך די קדושה פון (מוספי) ראש חודש (וואָס מוספי ר״ח „מקודשין משל שבת״[2]; קומט אויס, אַז די שייכות און אויפטו („אהני״) פון ראש חודש איז ניט נאָר אין דעם טאָג ווי ער איז אַ פּרט פון די ימי החודש, נאָר אויך אינעם שבת (ועניני׳), אַז עס ווערט אַ ראש־חודש׳דיקער שבת[3]].

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק בעניננו — פרשת החודש, אַז טראָגן דעם וואָס זי איז אַלעמאָל געבונדן (ניט מיט אַ באַשטימטן טאָג אין חודש, נאָר) מיט יום השבת, איז אָבער דאָ אַ לימוד מיוחד (אין דעם ענין פון „החודש״) פון דעם באַשטימטן טאָג אין ימי החודש, ווען (שבת) פ׳ החודש פאַלט אויס.

ולדוגמא, ווען דאָס פאַלט אויס (ווי די היי־יאָריקע קביעות) בכ״ה אדר, וואָס לדעת ר׳ יהושע[4] („בניסן נברא העולם״) איז עס דער „יום הראשון״ פון ששת ימי בראשית.

ב. עס שטייט אין מדרש[5] „לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם״, וי״ל ומסתבר לומר עפ״ז — וויבאַלד אַז דער סדר אין תורה איז בדיוק און אויך תורה, אַז „החודש הזה

1) צא, רע״א.

2) רש״י שם ד״ה מוספי ר״ח.

3) ועד״ז מצינו שהשבת „אהני״ לענינים שאינם שייכים מצ״ע לקדושת שבת (כמו „לתמידין״ — זבחים שם). וכידוע ג״כ הראי׳ מהביאור בזה שאין תוקעין בר״ה שחל להיות בשבת שזהו מפני שבשבת נמשך מצד עצמו מה שנמשך ע״י השופר, וממילא אינו נצרך לשופר (לקו״ת ר״ה ד״ה להבין המשנה י״ט של ר״ה ס״ד. ובכמה דרושי רבותינו נשיאינו ד״ה יו״ט של ר״ה).

4) ר״ה יא, רע״א. תוד״ה לתקופות שם ח, א.

5) תנחומא באבער בראשית יא. יל״ש עה״פ החודש גו׳. פרש״י ומדרש לקח טוב ר״פ בראשית.